# דער קינדער–גאָרטן איז געצילט פֿאַר
# אײַער קינד

**בראָשור וועגן דער לערן—פּראָגראַם אין קינדער—גאָרטן**



Skolverket



## איר זענט וויכטיק

איר זענט דער מענטש וואָס שטייט צום סאַמע נאָענטסטן צו אײַער קינד. דעריבער זענען אײַערע מיינונגען וויכטיק פֿאַרן קינדער—גאָרטן. אויב איר וועט אויסדריקן דאָס וואָס איר טראַכט, וועט דער פּערסאָנאַל גרינגער קענען צושטעלן אײַער קינד גענוי דאָס וואָס עס באַדאַרף. אויך צו קענען משפּיע זײַן מוזט איר וויסן, ווי אַזוי דער קינדער—גאָרטן דאַרף אַרבעטן.

## דער וועג צום ציל

די רעגירונג האָט באַשטימט אַ לערן—פּראָגראַם אין וועלכער עס ווערן באַשריבן די גרונטוועַרט פֿון קינדער—גאָרטן, זײַנע צילן און אויפֿגאַבעס. אַז איר וועט איבערלייענען די לערן—פּראָגראַם פֿאַרן קינדער—גאָרטן וועט איר פֿאַרשטיין וואָס איר קענט דערוואַרטן און פֿאָדערן פֿון קינדער—גאָרטן.

עס זענען פֿאַראַן קינדער—גערטנער פֿון דער לאָקאַלער אינסטאַנץ, ווי אויך פֿרײַע קינדער—גערטנער. אַ ראָט, אַן אויסגעקליבענער דורך פּאָליטישע וואַלן, איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די קינדער—גערטנער פֿון דער לאָקאַלער אינסטאַנץ. די פֿרײַע קינדער—גערטנער האָבן אַ באַזונדערע אַדמיניסטראַציע וואָס טראָגט דאָס אַחריות איבער זיי. אַלע קינדער—גערטנער מוזן נאָכגיין די לערן—פּראָגראַם.

דער קינדער—גאָרטן נעמט אַרײַן אין אַלגעמיין קינדער צווישן איין און זעקס יאָר אַלט. יעדעס קינד צווישן 3 און 6 יאָר אַלט האָט דאָס רעכט זיך צו לערנען אומזיסט אין קינדער—גאָרטן אין משך פֿון 525 שעה אַ יאָר.

## „אין קינדער—גאָרטן וועלן די קינדער באַגעגענען דערוואַקסענע וואָס פֿאַרשטייען דעם פּאָטענציאַל וואָס ליגט אין יעדן קינד.“

פֿון דער לערן—פּראָגראַם פֿאַרן קינדער—גאָרטן, LPFÖ 98 (אויסגעבעסערט 2010)



## טראָט בײַ טראָט לערנט מען זיך אַ גאַנץ לעבן

דער קינדער—גאָרטן מוז שטיין אויף דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. עס גייט דער עיקר אין דעם, אַז דער פּערסאָנאַל זאָל שאַפֿן אַן אָפֿענע און דעמאָקראַטישע אַטמאָספֿער אין וועלכער יעדעס קינד זאָל קענען דערשפּירן ס'ײַ זײַן אייגענע ווערט און ס'ײַ יענעמס ווערט.

די אַרבעט פֿון קינדער—גאָרטן צייכנט זיך אויס מיט אַ פּעדאַגאָגיק וואָס שמעלצט צונויף דאָס אויפֿפּאַסן, דאָס אַנטוויקלען, דאָס דערציִען און דאָס לערנען. דאָס באַטײַט אַז דער קינדער—גאָרטן איז קודם—כּל פֿאַרטראַכט לטובֿת אײַער קינד, כאָטש ער פֿילט אויך אויס די ראָלע פֿון דערלויבן אײַך צו אַרבעטן אָדער צו שטודירן.

אין דער לערן—פּראָגראַם שטייט געשריבן אַז דאָס שפּילן זיך איז וויכטיק פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון די קינדער און זייער לערנען זיך. דער פּערסאָנאַל איז מחויבֿ אין אַכט צו נעמען די מיינונגען, די אינטערעסן און די דערפֿאַרונגען פֿון די קינדער בשעתן אויסשטעלן דעם טאָג—טעגלעכן אַרבעטספּלאַן. די קינדער דאַרפֿן קענען עקספּערימענטירן און זיך אויסדריקן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים, סײַ באַזונדער און סײַ קאָלעקטיוו, למשל דורך געזאַנג און מוזיק, צייכענונג, טאַנץ, טעאַטער, שמועס און שרײַבן.

די קינדער דאַרפֿן קריגן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זייער אייגענע קולטורעלע אידענטיטעט. די שפּראַכיקע אַנטוויקלונג פֿון די קינדער איז אַ וויכטיקער ענין אין קינדער—גאָרטן. דער קינדער—גאָרטן וועט מיטהעלפֿן אַז די קינדער וואָס קומען מיט אַן אַנדער מוטערשפּראַך ווי שוועדיש זאָלן אַנטוויקלען סײַ זייער שוועדיש און סײַ זייער אייגענע מוטערשפּראַך.

דער קינדער—גאָרטן דאַרף זיך אַקעגנשטעלן קעגן טראַדיציאָנעלע געשלעכט—מוסטערן און ראָלעס—אײַנטיילונג לויטן געשלעכט. אַלע מיידלעך און ייִנגלעך װעלן קריגן די זעלבע מעגלעכקייטן זיך צו אַנטוויקלען אָן שום באַגרענעצונגען.



# יעדער קינדער–גאָרטן איז אַנדערש

די לערן–פּראָגראַם פֿאַרזיכערט אַז אַלע קינדער זאָלן געניסן פֿון אַ קינדער–גאָרטן פֿון דער זעלבער קוואַליטעט, אָן אונטערשייד לויטן וווינאָרט. דערפֿאַר וואָס אַלע קינדער–גערטנער באַניצן זיך מיט דער זעלבער לערן–פּראָגראַם, האָבן זיי אַלע דעם זעלביקן ציל. פֿון דעסטוועגן קען די אַרבעט אויסזען אַנדערש: דאָס וואָס איז פּאַסיק אין איין קינדער–גאָרטן קען אפֿשר נישט פּאַסן אין אַ צווייטן. די אַקטיוויטעטן דאַרפֿן צוגעפּאַסט ווערן צו די קינדער גופֿא.

די לאָקאַלע אינסטאַנץ אָדער די אַדמיניסטראַציע פֿון אַ פּריוואַטן קינדער–גאָרטן טראָגן דאָס לעצטע אַחריות פֿאַרן קינדער–גאָרטן. איר וועט זיך קענען ווענדן צו זיי אין פֿאַל ווען עס זאָלן אויפֿקומען פּראָבלעמען וואָס נישט איר, נישט דער פּערסאָנאַל און נישט די דירעקטאָרשע פֿון קינדער–גאָרטן באַוויזט נישט צו לייזן אַליין.

## "דער קינדער–גאָרטן דאַרף צושטעלן אַרויסרופֿן פֿאַר די קינדער, כּדי זיי זאָלן פֿאָרשן זייער אַרום"

פֿון דער לערן–פּראָגראַם פֿאַרן קינדער–גאָרטן, LPFÖ 98 (אויסגעבעסערט 2010)





## מיטאַרבעט מיט דער היים

אין דער לערן—פּראָגראַם שטייט אַז די אַרבעט פֿון קינדער—גאָרטן דאַרף דורכגעפֿירט ווערן בײַ אַ נאָענטער און צוטרוילעכער מיטאַרבעט מיט דער היים. דעריבער איז וויכטיק איר זאָלט רעדן מיטן פּערסאָנאַל אין פֿאַל ווען איר האָט עפּעס אויפֿן האַרצן. אַ גוטע געלעגנהייט דערויף איז בײַם אָפּנעמען אײַער קינד. בײַ דער געלעגנהייט דאַרף אײַך דער פּערסאָנאַל דערציילן ווי דער טאָג איז אַדורך פֿאַר אײַער קינד. אויב עס איז בײַ אײַך געשען עפּעס באַזונדערס וואָס עס איז כּדאַי דער פּערסאָנאַל זאָל וויסן, קענט איז עס אויך דעמאָלט דערציילן.

דער פּערסאָנאַל איז מחויבֿ צו אָרגאַניזירן באַגעגענישן אויף אַרומצורעדן מיט אײַך ווי אַזוי דאָס קינד פֿאַרברענגט און אַנטוויקלט זיך און ווי עס גייט די אַרבעט פֿון קינדער—גאָרטן. די לערן—פּראָגראַם שטעלט מיט זיך פֿאָר אַן אָנשפּאַר פֿאַר אַזאַ שמועס.

## “דער קינדער—גאָרטן מוז זײַן אײַנגענעם, זיכער און דערציִעריש פֿאַר אַלע קינדער וואָס ער נעמט אויף“

פֿון דער לערן—פּראָגראַם פֿאַרן קינדער—גאָרטן, LPFÖ 98 (אויסגעבעסערט 2010)

## איר ווילט איבערלייענען די גאַנצע לערן–פּראָגראַם?

די לערן—פּראָגראַם געפֿינט זיך אין יעדן קינדער—גאָרטן. איר קענט באַשטעלן אָדער אַראָפּלאָדן אַ קאָפּיע פֿון דער פּראָגראַם בײַם װעבאָרט פֿון דער שולאינסטאַנץ Skolverket, www.skolverket.se

ISBN 978-91-87115-12-7
Grafisk form: AB Typoform
Omslagsfoto: Maskot
Foto inlaga: s 2 NordicPhotos, s 3 Kzenon/Shutterstock,
s 4 Yulya Shilova/Shutterstock, s 5 Michael McLain, s 6 NordicPhotos
Skolverket 2011

Skolverket